**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דעם פלאן צו הייבן דאס יערליכע מינימום ווערידזש, צו העלפן ניו יארק'ערס זיך פארמעסטן מיט דאס ארויפגאנג פון לעבנס קאסטן**

***א פארשלאג צו באזירן ניו יארק'ס מינימום ווערידזש אויף די אינפלאציע, לטובת הונדערטער טויזנטער ניו יארק'ערס - באזונדער פרויען און קאלירטע מענטשן***

***צו העלפן ארבייטער און עמפלאיערס נאכצוקומען די געברויכן פון די 21'סטע יארהונדערט עקאנאמיע, לאזט ארויס דער גאווערנער פלענער צו שטארקן און אינטעגרירן די שטאט'ס ארבייטסקראפט אנטוויקלונגס פלעטפארמע און ציוויל סערוויס רעפארמעס צו מאדערניזירן די שטאט'ס ארבייטסקראפט, צו פארמערן דאס פאטענציעל פון טאלאנטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט, אלץ טייל פון די 2023 צושטאנד פון די סטעיט, א טראנספארמאטיווע פלאן צו העלפן ניו יארק'ערס וואס פארדינען ווייניג צו דעקן דעם ארויפגאנג פון לעבנס קאסטן מיטן באזירן די ניו יארק'ס מינימום ווערידזש אויף די אינפלאציע. אונטער דעם פארשלאג, יעדעס יאר, האט די שטאט'ס מינימום ווערידזש זיך פארגרעסערט מיט א ראטע וואס איז באשטימט געווארן דורך די קאנסומער פרייז אינדעקס פאר ווערידזש פארדינערס פאר די צפון-מזרח רעגיאן - דאס בעסטע רעגיאנעלע מעסטער פון אינפלאציע. דער פארשלאג איז דערווארטעט צו בענעפיטירן הונדערטער טויזנטער מינימום ווערידזש ארבייטערס איבער די ניו יארק סטעיט. דער גאווערנער האט אויך אויפגעדעקט א נייע רייע פון דרייסטע איניציאטיוון וואס וועלן מאדערניזירן און אינטעגרירן די שטאט'ס איוסגפרואוועטע ארבייטסקראפט אנטוויקלונגס פלאטפארמע צו פארזיכערן אז ניו יארק'ערס האבן די כלים זיי ברויכן צו וואקסן אין יעצטיגע עקאנאמיע, און צו העלפן איבערשטעלן א מאדערנעם פובליק סעקטאר ארבייטסקראפט.

"אויב ווילן מיר ווירקליך באהאנדלען דאס פארמעגליכקייט קריזיס ווי געהעריג, מוזן מיר אנערקענען אז ארבייטער אין ניו יארק וואס ווערן ווייניג באצאלט זענען די שווערסטע באטראפענע דורך דאס ארויפגאנג פון לעבנס קאסטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער שכל הישר פלאן צו באהעפטן די מינימום ווערידזש צו די אינפלאציע וועט נישט בלויז אריינגעבן מער געלט אין די טאשן פון הונדערטער טויזנטער שווער-ארבייטנדע ניו יארק'ערס, עס וועט אויך געבן פאראויס צו זען פאר עמפלאיערס און צוברענגען מען זאל מער שפענדן אין לאקאלע עקאנאמיעס און ביזנעסעס."

דער גאווערנער'ס פארשלאג וועט פארגרעסערן די שטאט'ס מינימום ווערידזש דורכן פארגרעסערונג אינעם יאר-איבער-יאר קאנסומער פרייז אינדעקס פאר ווערידזש פארדינערס (CPI-W) פאר די צפון-מזרח רעגיאן. צו פאזיכערן אז קיין איינציג-יאר פארגרעסערונג וועט באדראען עמפלאימענט, וועלן יערליכע פארגרעסערונגען זיין באגרעניצט. דערצו, וועט דער פארשלאג אויך ערלויבן אן "ארויסגאנג" אינעם פאל פון געוויסע עקאנאמישע אדער בודזשעט אומשטענדן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר קאמישינער ראבערטא רערדאן האט געזאגט,** "מיטן אינוועסטירן אין אונזער ארבייטסקראפט, טוען מיר אינוועסטירן אינעם צוקונפט פון ניו יארק סטעיט. גאווערנאר האקול האט שוין אזויפיל אויפגעטון זינט זי האט פארנומען איר אמט, און זי זעצט פאר צו האלטן איר אויג אויף די גרויסע בילד. דער גאווערנאר'ס פארזעצנדע איבערגעגעבנקייט צו ארבייטסקראפט אנטוויקלונג פארזיכערט אז קיין איין ניו יארק'ער וועט נישט בלייבן הינטערשטעליג אין די מארגנ'דיגע עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ציוויל סערוויס קאמישינער טימאטי ר. האגיוס האט געזאגט,** "ענלעך צו אזויפיל עמפלאיערס איבערן לאנד, האט ניו יארק סטעיט באדייטנדע שוועריגקייטן צו פילן פאזיציעס איבערן סטעיט רעגירונג און דער פראבלעם איז בלויז געשטיגן דורכן פאנדעמיק. גאווערנער האקול'ס דרייסטע פירערשאפט צו איבערקלערן און מאדערניזירן די ציוויל סערוויס פראצעס וועט שטיצן א נייעם פארגעשריטענעם און טראנספארמאטיווע ציוויל סערוויס פראבע מאדעל וואס וועט זיין מער באקוועם פאר אלע ניו יארק'ערס. ביים דעפארטמענט אוו ציוויל רעכטן, ווארטן מיר צו איינפירן דעם גאווערנער'ס וויזיע דורכן באזייטיגן צוימען צו קענען אנגעבן פאר ציווילע אמטן, באגעגנען ארבייט-זוכער וואו זיי געפינען זיך, און מאדערניזירן די שטאט'ס צוגאנג צו נאכקומען אונזער ארבייטסקראפט געברויכן צו העלפן רעקרוטירן און האלטן פארשידענע און טאלאנטפולע ארבייטסקראפט וואס קען גוט באדינען אלע ניו יארק'ערס טיף אינעם וויטן צוקונפט."

באזירן דעם מינימום וועידזש צו די אינפלאציע וועט העלפן צו אנהאלטן דעם כח פון איינקויפן פון די ארבייטער'ס וועידזשעס פון יאר צו יאר. און מיטן פארגרעסערן די מינימום וועידזש וועט בענעפיטירן אלע שוואכע-אינקאם ארבייטערס, עס וועט באזונדער בענעפיטירן פרויען און קאלירטע מענטשן וואס זיינען דער גרעסערער טייל פון די מינימום וועידזש ארבייטערס.

זיבעצן אנדערע סטעיטס אדער בינדן זיי היינט זייער מינימום וועידזש צו די אינפלאציע אדער אן אנדער עקאנאמישע פארמאט אדער פלאנען זיי צו טון אזוי, אריינגעמיג דריי סטעיטס וועלכע האבן מינימום וועידזשעס פון אדער איבער $15 אין 2023. עקאנאמישע נאכפארש באווייזט אז דאס הייבן דעם מינימום וועידזש קען ברענגען צו פארמינערן ארעמקייט, פארמינערן סאשעל הילף אויסגאבן, מוטיגן דאס שפענדן, פארבעסערן ארבייטס פראדוקציע, און אנדערע געווינסן.

גאווערנער האקול האט געשטיצט פריערדיגע מאסן צו העלפן ארבייטערס נאכצוקומען געהעכערטע אויסגאבן און זיך פארמעסטן מיט די אינפלאציע. אינעם פארגאנגענעם יאר, האט דער גאווערנער אנאנסירט א מינימום וועידזש פארגרעסערונג פאר קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, לונג איילענד, און וועסטשעסטער צו $14.20 פער שעה. דער גאווערנער האט אויך פארזיכערט א מינימום וועידזש פארגרעסערונג פאר היים העלט עידס אלס טייל פון די FY 2023 בודזשעט.

<u>**מאדערניזירן און אינטעגרירן די סטעיט'ס טרעינינג און עמפלאימענט אונטערבוי**</u>

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט טריט צו מאדערניזירן ניו יארק'ס ארבייטסקראפט אנטוויקלונג'ס סיסטעם, העכערן דעם סטעיט'ס פאטענציעל פון טאלאנטן, און העלפן ארבייטערס און עמפלאיערס נאכצוקומען די געברויכן פון די 21'סטע יארהונדערט עקאנאמיע. דער גאווערנער וועט אריבערפירן די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס (NYSDOL) [קאריערע צענטערס](#) צו די קאמיוניטי טרעינינג און קאריערע צענטער'ס, א איין-סטאנציע-שאפ פאר ניו יארק'ער וואס זוכן נייע ארבייטס געלעגנהייטן. אין די באנייטע צענטער'ס, וועלן נאך פראפעסיאנעלע סקילז טרעינירער צושטעלן פאר אומבאשעפטיגטע און טיילווייז-באשעפטיגטע ניו יארק'ער מיט אומזיסטע טרענירונג אין געפאדערטע געביטן, אזוויי דיגיטאלע און פינאנסיעלע לייענווארג און אונטערנעמונג. דאס וועט גיין אינאיינעם מיט א נייעם, גרויסארטיגן, אויפן-ארבייטס-ארט טרענירונג פראגראם צו פארבעסערן די טיכטיגקייט פון ארבייטערס יעדער יאר, מיט א פאקוס אויף מער געפאדערטע ארבייטס געביטן און שווער-צו-גרייכן ארבייטס טיטלען.

דער גאווערנער וועט אויך אנווייזן NYSDOL און די סטעיט יוניווערסיטי אוו ניו יארק (SUNY) צו שטעלן נייע שותפות'ן צווישן די קאריערע צענטערס און SUNY עדיוקעישאנעל גלעגנהייט צענטערס צו צושטעלן ניו יארק'ערס גלאטע צוטריט צו א ברייטע איסוואל פון ארבייטס צוגרייטונג און ספעציאליזירטע טרענירונג סערוויסעס אן צו צאלן. די נייע אינטערירטע צוגאנג וועט העכערן דאס אויסגעפרואווטע NYSDOL קאריערע צענטער מאדעל דורכן צוגעבן צו זיינע סערוויסעס SUNY'ס שטארקע טרענירונג און עדיוקעישאנעל ארעם, וועלכע קען זיך דרייען בשעת מעשה צו נאכקומען אמבעסטן די געברויכן פון ביזנעס'עס און צושטעלן באלדיגע צוטריט צו אומזיסטע טרענירונג פאר ארבייטס זוכער. NYSDOL און SUNY וועלן ארבייטן צו פלעכטן פעדעראלע באצאלונג און שותפות'ן מיט אנדערע סטעיט אגענטור'ס און קאמיוניטי ריסורסעס צו העלפן מער ניו יארק'ערס באקומען טרענירונג געלעגנהייטן און באקומען פולשטענדיגע ארומנעמיגע סערוויסעס. דאס וועט פארזיכערן אז אלע ניו יארק'ערס זענען גרייט צו היינטיגן ארבייטס מארק דורך גרייכבארע דיפלאמעס און קרעדענצן איניינעם מיט דיגיטאלע לייענמאטריאל און פראפעסיאנעלע סקילז טרענירונג, רעזומע אנטוויקלונג, ארבייטס זוכעריי און נעטווארקינג שטיצע, און אנדערע סערוויסעס וואס נעמען אראפ די שטערונגען צו עמפלאימענט.

**איבערבויען ניו יארק'ס פובליק ארבייטסקראפט**

גאווערנער האקול האט אויך געצייכענט א פלאן צו פארבעסערן די ניו יארק סטעיט ציוויל סערוויס סיסטעם צו איבערבויען די פובליק סעקטאר ארבייטסקראפט צו אדרעסירן אן אויספעל פון איבער 15,000 ארבייטער מיט איבער 26 פראצענט פונעם סטעיט ארבייטסקראפט וואס ווערן בארעכטיגט צו ארויסגיין אויף פענסיע אין די קומענדיגע פינף יאר. איר סטראטעגיע צילט צו ציען און אנהאלטן הויכע טאלאנטן און פארגרעסערן די פארשידנערליי פונעם פובליק ארבייטסקראפט צו בעסער רעפלעקטירן ניו יארק סטעיט, דורך:

- האלטן ציוויל סערוויס עקזאמעס נאכאנאנד צו געבן קאנדידאטן מער געלעגנהייטן צו מאכן טעסטס;
- שטעלן סטראטעגישע פלעצער פון צענטערס פאר רעגירונג קאריערעס איבער ניו יארק סטעיט ביי אויסגעוועלטע NYSDOL קאריערע צענטערס וואו ציוויל סערוויס ספעציאליסטן דארט וועלן דינען אלס דירעקטע פארבינדער צווישן דעם דעפארטמענט אוו ציוויל סערוויס, ניו יארק סטעיט אגענטורס, רעגיאנעל עדיוקעישאנעל אינסטיטוציעס, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, און ארבייטס זוכער;
- מאדערניזירן די ציוויל סערוויס באצאלונג סיסטעם צו צושטעלן מער אטראקטיווע ווענדזשעס צום סטעיט אזוי אז די סטעיט קען באשעפטיגן הויכפעאיגע טאלאנטן;
- מאדערניזירן סטעיט אפיס געביידעס צו פארבעסערן דאס טעלעקאמוניקאציע און היבריד ארבייטס מאדעלן;
- פארברייטערן באצאלטע עלטערנס-ערלויב צייט פאר ניו יארק סטעיט ארבייטער
- אנהייבן א פובליק סערוויס אנגעלעגנהייטן קאמפיין צו פארשפרייטן קאריערע געלעגנהייטן מיטן ניו יארק סטעיט; און
- שטעלן א נייעם געווינס אנדריי פארן די [נורסעס פאר אונזער צוקונפט] סקאָלערשיפ פראגראם. די צווייטע אנדריי פון באצאלונג וועט מוטיגן דערהאלטערס צו ארבייטן אין א נורסינג פאזיציע מיט א סטעיט אגענטור נאכן גראדואירן צו ציען דעם קומענדיגן דור פון נורסעס צו באלוינענדע קאריערעס אין סטעיט רעגירונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov